# ביטאג
# אויף'ן נייעם מארק

(אַ פאָעמאַטישע דראמא אין פיער אַקטען.)
א פאראָדיע נאָך פרין.

---

די סצענע.

אַ מאַרק. בלאָטע. מלמדים. אַ באָק. אַ ברונעם. דריי מעשענע טעלער הענגען אין דער לופט... ס'זונגט אַ גריל. אויף אַ דראָט הענגט אַ דאמסקער שניידער. אַ בלעכען הענדעל קרייהט אויפ'ן שוהל-דאך. דער האָריזאָנט פלאקערט. גין-גאָלדענע קוימענס קוקען אין מאַרק אַריין... רעכטס — אויביגע וועלטען. לינקס — אַ סאמאָוואר

עס שפיעלען:

לצים.
מענשען.
א טוידטער פערד.
א נע'פגר'טע פערד.
א דיכטער.
שקאָפעס.
ווייבער.
מתים.
א נאכט-מיידעל.
א רעטאך.
א שוהל-קלאפער.
א ווייסע גאנז.
א גלגול.
א זייגער.
א כלה.
א ציצה.
געקאָכטע באָב.
א פריעה-נאָגעל.
א של-ראש.
א חנוכה-לעמפעל.
א פסח'דיגע זרוע.
אַן אנדרוגינוס.

(צווישען איין אקט און צווייטען נעהמט אַ מיליאָנטעל טהייל פון א סעקונדע).

ערשטער אקט.

דער טאַנץ לעשט זיך....
ווייבער צאַפען... אידען כאַפען....
שקאַפעס שפרינגען... דיכטער זינגען, בים-באָם...
לצים. מיעד ווי ליים! ס'איז קיהל...
כלה. קיין שפיעל...
טויטע פערד. האָבער פיעל....
דיכטער. א היים.... א היים....
טויטער פערד. נעהמט אויף שוויצען...
דיכטער. שוויצען... בליצען!...
כלה. האָסט דעם קאַטער? !....
(פאָרהאַנג)

צווייטער אקט.

(ס'קומט אַן אַ גריל אין אַ שלאָף-מיצעל, שלאָף-ראָק, אין פאַנטאָפעל, מיט אַ פלעדער-וויש אין פיסקעל).

מענשען. קראָכמאל שטייף...
שקאָפע. גיב א פייף...
מתים. מיר קריכען אויף די ווענט.
א רעטאך. ס'פראלט, קנאלט, שאלט!
שוהל-קלאפער. (ברעכט די הענד.)
ווייסע גאנז. ס'בלענדט און שטראהלט!...
א גלגול. זייל מיט פייל טויזענד מייל....
די כלה (מיט א מירטען-צווייגעל) כ'געה אין טבילה... אין דער קעלט אפילו.
דיכטער. זיך צו ווענדען צו די לענדען...
א ציצה. רבונו דעלמא כולו!...
(פאָרהאַנג)

דריטער אקט.

ליכט, מיט כשר'ת נשמה'לעך בעהעפט, בעוויי-זען זיך רעכטס, לינקס, לינקס, רעכטס).
מיר קאָכען, מיר זידען,
עס עסען אונז אידען.
פריעהנאָגעל. מיט'ן קנאַק, מיט געשמאַק...
ווייסע גאנז. דוראַק! דוראַק!
של ראש. איך קריך אויפ'ן קאָפ...
א באָק. צווישען רויזען א צאָפ...
דיכטער. באָב!...
(פאָרהאַנג)

פיערטער אקט.

(דער מעשענער טעלער מיט'ן דאמסקען שניי-דער אָנגעטאָן אין א קופערנעם פאַנצער מיט שטרויס-פעדערען און נאָך עפּעס... קומען אריין פון ס'לעצטע געסעל.)
ס'טוידטע פערד. איך געה צום פריץ מערבע כנפות האָרץ...
דיכטער. זינגען וועט די קיטקע, ביטקע... חיטקע!...
דער זייגער. בים באם.... ס'ברענט דער ים!...
דער רעטאך. אָט קומט עס, אָט ברומט עס!...
(דער פריעה נאָגעל, די גאנז, דער של ראש, די זרוע, דער דיכטער זינגען:)
מיט'ן פיסקעל שפיי איך...
מיט'ן ווידעל דריי איך...
(די שכינה פראלט אין געזאַנג אריין... דער טאָנין ווערט פערלאָשען... דער כאָאָס פערלירט זיך... וועלטען טרייסלען זיך....)
דער דיכטער. באָב...
(פאָרהאַנג)

## ער שרייבט!



ד. מ. הערמאלין

---

אונזער רעדאקציאָן, האָט זיך איבערגע-קעהרט וועלטען. מען האָט אונז בע-גנב'עט ביז א פעני. די גאנצע שולד ליגט אויף אונזער מענעדזשער, ימח שמו וזכרו. דערפאר האָבען מיר איהם ארויס-געיאָגט ווי א הונד. יעצט פיהרען מיר ווידער איין אָרדנונג אין אונזער רעדאקציע און פאר יעדען ארטיקעל, וואָס איהר וועט אונז צושיקען, קריגט איהר אייער געלד דורך א חפשיש'ל הפלוניבי...

טיש, שרייב אָן צום הערן מייערסאָן א בריעף, וועלכען איך געפין מיט צוויי טעג שפעטער געדרוקט אין „פליהענדען שטראהל". בלויז דער נאָמען פון איהם און זיין צייטונג איז פערביטען אויף אן אנדער רעדאקטאָר מיט זיין צייטונג.

אָט דאָס איז געדרוקט:

אונזער שטענדיגער מיטאַרבייטער, דער גרויסער מענש און וועלט-בעריהמ-...

מיר ווערען, איהר הערט? ! איהר אונ-פערשעהמטער מענש, וואָס איהר זייט!

אייער זעלבסט-בעשטימטע פרייז איז געוועזען 5 דאָלאר פאר אן ארטיקעל און 4 דאָלאר פאר א ליעד.

איך האָב אייך געשיקט 12 ארטיקלען און 7 ליעדער. צוזאמען מיט מיין געלד, וואָס איך האָב אויסגעלייגט פאר מאַר-קעס, בעטרעפט: 89 דאָלאר, 85 סענט.